Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראשען — היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 40 | Łódź, Poniedziałek, 16 lutego 1931 r. | נייגטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, כ"ט שבט תרצ"א | № 40

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# פערלייכטערונגען אינ'ם זונטאג-רוה
## ווערען געפלאנט דורך דער רעגירונג

וו א ר ש א, 15 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) ווי מיר דערוויסען זיך ווערט אין די אנפיהרענדע קרייזען ווירקליך יעצט איינצופיהרען א רייה הנחות אין דער פראגע פון זונטאג-רוה. ס'זאל ערלויבט ווערען צו האנדלען אום זונטאג די טארג-שטייער, די ווארשטאטען, וואס בעשעפטיגען נישט קיין ארבייטער זאלען מעגען ארבייטען אום זונטאג און אין חגאות טעג.

דער פלאן געפינט א גינסטיגע שטעלונג אין די רעגירונגס-קרייזען, ווייל דורך דעם רעכענט מען אויך צו הויבען די קאנסומציע אין לאנד.

## צוליב 3 מיליאן זל. ארעסטירט 4 אינזשינערען

ג ד י נ י ע, 15. (ספ. טעל.) דא זיינען ארעסטירט געווארען די אינזשינערען מיקולסקי, קאטלינסקי, גראנאווסקי און רושטשעווסקי. די ארכיטעקטען מיקולסקי און קאליינסקי האבען אונטער דער אמטליכער אויפזיכט פון גראנאווסקי און רושטשעווסקי געבוי'ט דעם בנין פון דער פאסט, וועלכע האט געזאלט קאסטען 4 מיליאן זל. און האט אפגעקאסט 7 מיליאן זל.

די אויספארשונג אין דעם ענין האט געדויערט גאנץ לאנג און האט זיך איצט פארענדיגט מיט'ן ארעסט פון די פיהרער.

## קיין 13. פענסיע וועלן די שטעטישע אנגעשטעלטע נים בעקומען

וו א ר ש א, 15. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). אין צוזאמענהאנג מיט דעם, וואס די מאגיסטראטען צאהלען נישט אויס די 13. פענסיע די שטעטישע אנגעשטעלטע, איז אין א רייה שטעט געקומען צו קאנפליקטען און ס'האלט דערביי, אז ווארשא, לאדז א. אנד. זאל אויסברעכען א שטרייק.

א דעלעגאציע פון שטעטישע ארבייטער איז אויפגענומען געווארען דורכ'ן וויצע ארבייטס-מיניסטער קארטשאק, וועלכער האט ערקלערט, אז די 13. פענסיע וועט נישט אויסגעצאהלט ווערען און אז די רעגירונג וועט וועגען דעם ארויסגעבען א ספעציעלע פעראָרדנונג צו די מאגיסטראטען.

## האנדעלס-דעפיציט אין יאנואר — 956.000 זל.

וו א ר ש א, 15 (טעלעפאניש) ס'איז פערעפענטליכט געווארען דער האנדעלס-בילאנס פאר יאנואר פון גאנץ פוילען. אריינגעפיהרט איז געווארען 227.776 טאן סחורות פאר 153 448.000, ארויסגעפיהרט 1.417.507 טאן אין ווערט פון 152.492.000. דער בילאנס-דעפיציט בעטרעפט אזוי ארום 956.000 זל. אין פערגלייך מיט דעצעמבער האט זיך דער אימפארט פערקלענערט אויף 5.459.000 אין דער עקספארט אויף 30.686.000 זל.

## ענציקלאפעדיע אין דער יודישער שפראך

ב ע ר ל י ן, (י.ט.א.) דא איז געשאפען געווארען א נייע פערלאגס-געזעלשאפט, וועלכע וועט ארויסגעבען די ערשטע ענציקלאפעדיע אין דער יודישער שפראך. נעבען די אלגעמיינע וויסענשאפטען, זאל די ענציקלאפעדיע האבען א ברייטען פראגראם פאר די פראבלעמען, וואס זיינען צוזאמענגעבונדען מיט דעם היינטיגען יודענטום. אין דעם ווערק וועלען מיטארבייטען די בעקאנטעסטע פאך-וויסענשאפטלער.

## 200.000 העקטאר ערד וועלען פארצעלירט ווערען אין 1932

וו א ר ש א, 15. (טעלעפאניש) דער מיניסטערן-ראט האט פעסטגעשטעלט דעם פארצעלאציע-פלאן אויף 1932 י. פון די מליכה-באדענס און פון מלוכה'שען אגראר-באנק וועלען פארצעלירט ווערען 20.000 העקטאר, פון די פריוואט-באדען—180.000 העקטאר.

## די ווירטשאפטליכע לאגע אין אמעריקא בעסערט זיך

נ י ו - י א ר ק, 15. (ספ. טעל.) דער רעגירונגס סעקרעטאר דזשאנס, האט עפענטליך ערקלערט, אז די לאגע אין אמעריקא האט זיך אנגעהויבען בעסערען. די צאהל ארבייטסלאזע פערקלענערט זיך, פיל פאבריקען הויבען אן ווידער צו ארבייטען, און דער קריזיס הויבט אן ביסלעכווייז צו פערשווינדען, אין די בענק איז די לאגע געווארען זיכערער, פיל אקציעס זענען געשטיגען.

שבועה דאורייתא

היינט, מאנטאג, דעם 16-טען פעברואר, 11 א זייגער פארמיטאג ווערט אין דער ווילקער-שוהל שווערען

לייבעל קירשענבערג

(ר' אברהם מענדעל ווארשאווסקי'ס איידעם)

זאוואדזקא 34, געשעפט פיעטריקאווער 28 לויט א פסק דין פון הרב ר' יוסף פיינער וועגען א סכסוך וועגען רעכנונגען.

מיט אכטונג

לייזער גלאווינסקי.

מאשין-מצות

ווערט געבאקען אלע טאג פרישע אוי דינע ווי אויך מצה-מעהל, אייער-פערפעל און סובארקעס לויט קארלסבאדער סיסטעם

מיר עמפפעהלען צו יעדער צייט אונזער גוט-בעקאנטע און פרישע געבעקען פון אונזער איבעראל בעוואוסטער צוקערבייע

ב. וויינבערג

38 פיעטריקאווער 38

טעל 143-82

האלץ-קויהלן

(גראבאווע)

ערשטע סארט, ריין געהארטעוועט צו בילינע פרייזען

3.25 פאר א פוד

צו בעקומען אויף צמענטארנע 9, טעלעפאן 123-61.

Dr. med. RACHELA LEWI

Żeromskiego 24, tel. 142-72

ספעצ. קינדער-קראנקהייטען.

בעקאנטמאכונג.

צוליב אונזער אונאבהענגיג ווערען פון נאפט-אינדוסטריע-סינדיקאט פערקויפט פון היינטיגען טאג אן אונזער

בענזין-סטאציע אויף קאשציושקי 64

רייכט-גערייניגטען בענזין

צום פרייז פון 75 גראשען פאר א ליטער

גלייכצייטיג עמפפעהלען מיר אויטאמאביל-אייל און שמירעכץ, ווי אינלענדישע זאווי אויסלענדישע מיט א ראבאט פון 15%

די בענזין-סטאציע איז טעטיג א גאנצען מעת-לעת.

אויף פערלאנג פון די ג. אבנעהמער שטעלען מירצו אין די גאראזשען.

מיט אכטונג STACJA BENZYNOWA

„BENZOMIN"

Al. Kościuszki 64 (róg Zamenhofa) tel. 206-57

עס ווערט געזוכט א קוואליפיצירטע פערקויפערין פון דער שיך-בראנשע

פאמארסקא 4

ר. דארן. 1247

עס פאדערט זיך א קוואליפיצירטער דאמען-מאגאזין-אבערמאשינער

צו ערשטער סארט ארבייט

קאנסטאנטינער 46

ביים דאמען-שניידער.

Łódzka Kasa Spółdzielcza

z ogr. odp. w Łodzi

Telefon 184-13 P. K. O. 674-17

R-k Ż.: Bank Polski

מיר מעלדען אלע אונזערע מיטגלידער און קליענטען, אז פון מארגען, דינסטאג (ר"ח אדר) דעם 17. לוטי, ווערט אונזער באנק איבערטראגען פון ווסכאדניא 65 אין נייעם פערגרעסערטען לאקאל אויף

26 PIOTRKOWSKA 26

פראנט, ערשטען שטאק. די דירעקציע.

Dnia 14 lutego 1931 r. po krótkich cierpieniach rozstał się z tym światem nasz najukochańszy

B. P. SAMUEL KOHN

przeżywszy lat 63.

Wyprowadzenie zwłok z domu przedpogrzebowego nastąpi we wtorek, dn. 17 lutego 1931 r. o godz. 15.30, o czem zawiadamia pozostała w głębokim żalu

RODZINA.

